בס"ד

האזינו - סוכות תשפ"ג
גליון 112

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זָאלט איר מודיעַ זיין
וָואס דָא הָאט זיך גֶעטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת און יוֹם טוֹב פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין גָאר גָאר הוֹיכֶע טֶעג פוּן יֶרַח הָאֵיתָנִים - אַ חֹדֶשׁ וָואס אִיז שְׁטַארְק אוּן פֶעסְט מִיט אַסַאךְ מִצְווֹת - בִּפְרָט דִי טֶעג צְווִישְׁן יוֹם הַקָּדוֹשׁ מִיט סֻכּוֹת. עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַז דִי פִיר טֶעג צְווִישְׁן יוֹם הַקָּדוֹשׁ מִיט סֻכּוֹת אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר אוֹתִיּוֹת פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אוּן גָאוֹן דֶער חת"ם סוֹפֵר הָאט פוּן גְרוֹיס דְבֵקוּת גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי טֶעג נִגּוּנִים פוּן דְבֵקוּת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

חז"ל דַרְשְׁ'נֶען אוֹיפְן פָּסוּק "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר (וַיִּקְרָא כג, מ) אַז בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן רוּפְט זִיךְ דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג סֻכּוֹת וַוייל דֶעמָאלְט אִיז רִאשׁוֹן לְחֶשְׁבּוֹן עֲווֹנוֹת, וַוייל בִּיז יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אִיז מֶען פַארְנוּמֶען נָאר צוּ טוּן מִצְווֹת.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, כַאפְּט אַרַיין אִין דִי טֶעג וָואס מֶער מִצְווֹת, סַיי בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אוּן סַיי בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב א.א.וו.

דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דֶער תּוֹרָה "זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ", מֶען מַאכְט דְרַיי מָאל דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁהֶחֱיָנוּ, אֵיין מָאל דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט סֻכּוֹת, אוֹיפְן יו"ט סֻכּוֹת אַלֵיין. דִי צְווייטֶע מָאל בַּיים לוּלָב בֶּענְטְשְׁן. דִי דְרִיטֶע מָאל דִי נַאכְט פוּן שְׁמִינִי עֲצֶרֶת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דִי טֶעג פוּן סֻכּוֹת זֶענֶען טֶעג וָואס גִיסְט זִיךְ טַייכְן פוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ אוּנְז אוּן פוּן אוּנְז צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מִיר טָארְן חָלִילָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן, אַז יֶעדֶער אִיד אִיז בַּאלִיבְּט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַן אֵיין אֵיינְצִיג קִינְד, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן יָמִים נוֹרָאִים "אָנוּ בָנֶיךָ וְאַתָּה אָבִינוּ..".




ווען מֶען זִיצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע סוּכָּה, אָדֶער ווען מֶען הַאלְט דִי הֵיילִיגֶע ד' מִינִים, דַארְף מֶען זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת, אַז דִי פִּיס זָאלְן זִיךְ הֵייבְּן אוּן גֵיין אַ טֶענְצְל (אוֹיב קֵיינֶער וֶוערְט נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן דֶעם) זִיךְ אוּנְטֶער בְּרוּמֶען אוּן אַרַיינֶעמֶען אִין מַחֲשָׁבָה דֶעם אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר הָאבְּן דֶערְלֶעבְּט אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ אוּן יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה.

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, דֶער תַּלְמִיד אוּן מְשַׁמֵּשׁ פוּן ר' נָתָן, אַז אֵיין יָאר הָאט זִיךְ ר' נַחְמָן אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' נָתָן

המשך אויף זייט 10

# אַ בַּאהַאלְטֶערְנֶע חֵדֶר

*הֶמְשֵׁךְ פוּן פְרִיעֶר: ר' חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד מִיט זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אַרִיבֶּער פוּן מֶעזִיבּוּשׁ קַיין אוּמַאן, נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ אִידִישֶׁער חִנּוּךְ אִין דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם חֵדֶר.*

אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן הָאט יְחֶזְקֵאל גֶעלֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִינֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם חֵדֶר פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים. יְחֶזְקֵאל דֶערְצֵיילְט: "נָאכְן אוֹיפְשְׁטַאנְד פוּן דִי קָאמֶענִיסְטְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁפַּארְט אַלֶע חֲדָרִים אוּן יְשִׁיבוֹת, אָבֶּער דִי עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ פַארְזָארְגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַ 'בַּאהַאלְטֶענֶעם חֵדֶר' וִוי זֵיי פְלֶעגְן אַהִין שִׁיקְן דִי קִינְדֶער. מִיר פְלֶעגְן גֵיין אִין חֵדֶר דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי גוֹי'שֶׁע שוּלֶעס פְלֶעגְן גֵיין, אַזוֹי הָאט מֶען נִישְׁט בַּאמֶערְקְט אַז עֶפֶּעס אִיז אוֹיפְפַאלְנְד מִיט אוּנְז, אַז מִיר גֵייעֶן גָאר עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

אִינְדֶערְפְרִי פַארְן גֵיין אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען עֶפֶּעס אִין מוֹיל, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין פְרִישְׁטָאג, דִי מַאמֶע הָאט נָאךְ עֶפֶּעס צוּגֶעלֵייגְט פַאר מִיטָאג, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי גַאסְן אִינְמִיטְן טָאג, נִישְׁט צוּ צִיעֶן קַיין פְרֶעמְדֶע אוֹיגְן אוֹיף מִיר.

מִיר הָאבְּן גֶעזֶען וִוי שְׁוֶוער אוּנְזֶער מַאמֶע הָארֶעוֶועט אוּן פַּיינִיגְט זִיךְ, הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אוֹיף אִיר גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף דֶער מַאנְגְל אִין עֶסְן אוּן דָאס אָרֶעמְקַייט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ. אֵיין אִינְדֶערְפְרִי, אַלְס קִינְד פוּן בְּעֶרֶךְ פִינְף - זֶעקְס יָאר, דִי מַאמֶע וֶועקְט מִיר אוֹיף אוּן וֶוענְדְ זִיךְ צוּ מִיר מִיט אַ בִּיטֶע, זִי וִויל אִיךְ זָאל אִיר צוּזָאגְן אַז אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִּירְן אִיר בַּאגֶער. אוּן זִיכֶער הָאבּ אִיךְ אִיר צוּגֶעזָאגְט. דִי מַאמֶע זָאגְט מִיר: 'לֵיידֶער הָאבְּן אוּנְז גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ צוּ קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען פַאר פְרִישְׁטָאג, אִיךְ וִויל אָבֶּער זָאלְסְט פָּארְט גֵיין אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאף אַז אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע שָׁעוֹת וֶועל אִיךְ צַאמְקְרַאצְן עֶטְלִיכֶע פְּרוּטוֹת צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּבְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר!'

אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע הוּנְגֶער צַייט, הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נִישְׁט צוּ עֶסְן. דָא אִיז אַרִיבֶּער אַ נַאכְט אָן נַאכְטְמָאל, דָארְט אַ טָאג אָן קַיין פְרִישְׁטָאג, אַזוֹי הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפַּארְט עֶטְלִיכֶע מָאלְצַייטְן... אִין יֶענֶע טֶעג פְלֶעגְט מֶענְטְשְׁן הוּנְגֶערְן פַאר אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, יֶענֶעם צוּפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, ווַייל אַ נַאכְט פְרִיעֶר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעפַאסְט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען דֶער מַצָּב, הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מַיין מַאמֶע אַז אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ גֵיין אִין חֵדֶר. אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ טַאקֶע גֶעטוּן.

אלטע שול אין אומאן



אִין חֵדֶר הָאט מֶען צוּם עֶרְשְׁט גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית אוּן גְלֵייךְ דֶערוֹיף זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען. מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאהַאלְטְן מַיין הוּנְגֶער, אָבֶּער מִיט יֶעדֶע מִינוּט וָואס אִיז אַרִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט אַז מַיינֶע כּוֹחוֹת לָאזְן זִיךְ אוֹיס. בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם מְלַמֵּד אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ פִיל נִישְׁט גוּט, זֶעט אוֹיס אַז דָאס הוּנְגֶער הָאט זִיךְ דֶערְקֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, הָאט עֶר

המשך אויף זייט 9

# אײן אַשה'לע



*דער באַשעפער באַוויזט וואונדער*
*פאַר זיינע ליבע קינדער*

## אַ פֵייעֶר לֶעשֶׁער בַּיים טיר

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גְעוֶוען, אִינְאֵיינְעם מִיט מַיין טַאטֶע, זֵיידֶע, פֶּעטֶערְס און בְּרוּדֶערְס צוּ קוּמֶען צוּ פָּארְן, פוּן אַמֶערִיקֶע צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן. אַ נְסִיעָה וָואס אִיז, וִוי אַלֶע וֵוייסְן, נִישְׁט גְעוֶוען אַזוֹי גְרִינְג, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעצָאלְט! מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גְעוֶוען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און קוּמֶען צוּ זַיין קִבּוּץ און זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וָואס אִיךְ ווִיל פַארְצֵיילְן אִיז, אַז וֶוען מִיר זֶענֶען אַרוֹיף צוּ דִי דִירָה - וָואס אִיז אוֹיף גַאנְץ אַ הוֹיכֶע שְׁטָאק - צוּ מַאכְן קִדּוּשׁ נָאךְ שַׁחֲרִית, אָבֶער אוּנְז זֶעעֶן וִוי נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אֵיין דָארְט, דְרַייעֶן און פְּרוּבִּירְן עֶפֶענֶען דִי טִיר מִיט זֵייעֶרֶע שְׁלִיסְלֶעך, אָבֶער וְאֵינֶנּוּ, דֶער טִיר הַאלְט זִיךְ נִישְׁט בַּיים עֶפֶענֶען. מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְנְס שְׁלִיסְל, אִיךְ לוֹיף אוֹיפְזוּכְן נָאךְ אֵיין שְׁלִיסְל וָואס לִיגְט בַּיי מַיין פֶעטֶער, אָבֶער דָאס הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט.

הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען דֶעם בֶּעסְטְן שְׁלִיסְל, וָואס דָאס אִיז תְּפִלָּה! "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי דִירָה, מִיר הָאבְּן דָארְט אוּנְזֶערֶע בְּגָדִים, אוּנְזֶערֶע בֶּעטְן, מִיר הָאבְּן גֶעקָאכְט פַיינֶע פְרִישֶׁע בָּשָׂר וְדָגִים פַאר יוֹם טוֹב, מַיין זֵיידֶע הָאט אַ דִיעֶטֶע, הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט זַיינֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע מַאֲכָלִים פוּן אַמֶערִיקֶע, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין," הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער צִינְגְל פוּן שְׁלָאס גְעוֶוען פַארְ'עֶקְשָׁנְ'ט. מִיר זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְּן צוּ תְּקִיעַת שׁוֹפָר, וֶוען אִיךְ בִּין וַוייטֶער מִתְפַּלֵּל בַּיים דַאוֶונֶען אַז אוּנְזֶער הוֹיז זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען, וֶוען מִיר קוּמֶען אַהֵיים פוּן מוּסָף, און אַזוֹי אוֹיךְ זָאל דֶער טוֹיעֶר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הוֹיז זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ עֶפֶענֶען.

מִיר קוּמֶען אַהֵיים פוּן מוּסָף, אִיךְ גֵיי אַרוֹיף פָּארְאוֹיס אַלֶע שְׁטָאקְן אַרוֹיף צוּ זֶען אוֹיבּ מַיינֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן זִיךְ וָואס אַרוֹיפְצוּשְׁלֶעפְּן, און טְרֶעף דֶער טִיר בְּרֵייט אָפְן... מֶען קֶען שׁוֹין צוּגֵיין צוּ סְעוּדַת יוֹם טוֹב. אַזַא שִׂמְחָה!

עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מִיר הָאבְּן גֶעטוֹן אוּנְזֶער חֵלֶק, תְּפִלָּה, און אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועלְכֶער הָאט גֶעדַאוְונְט בַּיים נֵץ, אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְזֶען מִיט אַ פַארְקְנַאקְטְן טִיר, הָאט עֶר גֶעטוֹן דִי אַרְבֶּעט פַאר אוּנְז, און אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן אַ רָב צוּ עֶר מֶעג רוּפְן אַ גוֹי. דֶער רָב הָאט אִים גֶעפַּסְקְ'נְט אַז יָא, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פַייעֶר לֶעשֶׁער פַאר הִילְף, אָבֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְבְּרֶעכְן דִי טִיר ווַייל זֵיי וַוייסְן נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶער דִירָה. הָאט עֶר גֶערוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי, בִּקְצוּר אַ גַאנְצֶע שְׁטַאבּ פוּן פָּאלִיצֵיי מִיט פַייעֶר לֶעשֶׁער הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיפְגֶעלָאזְט צוּ דִי הוֹיכֶע שְׁטָאקְן און פְּרוּבִּירְט צוּ עֶפֶענֶען, אָבֶער וֶוען דֶער שְׁלָאס אִיז נָאךְ אַלְץ גְעוֶוען פַארְ'עֶקְשָׁנְ'ט הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען אַ גְרָאבְּן הַאק און גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶער זֶעץ אוֹיף דִי טִיר, אַז דֶער צִינְגְל הָאט זִיךְ גֶערִיקְט פוּן פְּלַאץ און דֶער טִיר הָאט זִיךְ בְּרֵייט גֶעעֶפְנְט. אַלֶעס בְּכֹחַ אוּנְזֶער צִינְג וָואס הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.



המשך אויף זייט 9




# דִי נַיינְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ~
# דֶער חכם און דֶער תם 5

**הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן** אוּן הָאט גִיזָאגְט. אַז דוּ בִּיסְט דָאס. מַיין חָבֵר דֶער **תַּם**. דֶערְפוּן וֶועלְן מִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁמוּסְן.

**לְעֵת עַתָּה**. גִיב מִיר אַ מִשְׁפָּט. נָאךְ וָואס מֶען הָאט מִיךְ גִישְׁלָאגְן. פְרֶעגְט עֶר אִים. פַארְוָואס הָאט מֶען דִיךְ גִישְׁלָאגְן. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. הָאט וַוייל אִיךְ הָאבּ גִירֶעט אוֹיף דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. וָואס עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. אוּן דָאס אִיז גָאר אַ שְׁוִוינְדְל.

**רוּפְט זִיךְ אָן דֶער תַּם** דֶער **מִינִיסְטֶער** צוּ אִים. נָאךְ הַאלְסְטוּ דִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת. זֶעה דוּ הָאסְט גִיזָאגְט. אַז דוּ קָאנְסְט אוֹיף מַיינֶעם קוּמֶען גָאר גְרִינְג. אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיף דַיינֶעם נִישְׁט קָאנֶען קוּמֶען הַיינְט זֶעה. אַז אִיךְ בִּין אוֹיף **דַיינֶעם שׁוֹין לַאנְג גִיקוּמֶען**. (וָוארְן דֶער תַּם אִיז זִיךְ שׁוֹין גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוֹיךְ כַּנַ"ל) אוּן דוּ בִּיסְט נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען אוֹיף מַיינֶעם.

**אוּן אִיךְ זֶעה** אַז דָאס אִיז שְׁוֶוערֶער. אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין **תְּמִימוּת**.

**אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָּארְט**. וַוייל דֶער **תַּם** דֶער **מִינִיסְטֶער** הָאט אִים גִיקֶענְט פוּן לַאנְג אַז עֶר אִיז אַמָאל גְרוֹיס גִיוֶוען. הָאט עֶר אִים גִיהֵייסְן גִיבְּן קְלֵיידֶער אַז מֶען זָאל אִים אָן טָאן. אוּן הָאט אִים גִיבֶּעטְן אַז עֶר זָאל מִיט אִים עֶסְן.

**בְּשַׁעַת עֶסְן**. הָאבְּן זֵיי אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּסְן. הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן דֶער חָכָם אִים צוּ דְרִינְגֶען זַיין (ניי־ישֶׁע) דֵעָה אַז סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶלֶךְ נִיט דָא.

**הָאט אוֹיךְ אִים דֶער תַּם** דֶער מִינִיסְטֶער **אַ גִישְׁרַיי גִיטָאן**. **עֶנְפֶערְט אִים דֶער חָכָם מִיט גִילֶעכְטֶער**. דוּ וֵוייסְט אַלֵיין אַז דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ. דוּ קֶענְסְט אִים. דוּ הָאסְט גִיקֶענְט זַיין טַאטְן זַיין זֵיידְן אַז זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען מְלָכִים. פוּן וַואנֶעט וֵוייסְטוּ אַז דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מֶלֶךְ. מֶענְשְׁן הָאבְּן דִיר גִיזָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ. זֵיי הָאבְּן דִיךְ אָפְּגִינַיירְט.

**הָאט דָאס דֶער תַּם** זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. אוֹיף דֶעם וָואס עֶר לֵייקְנְט אִין דֶעם מֶלֶךְ.

**דֶערְוַוייל** אִיז אֵיינֶער אָנְגִיקוּמֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט. דֶער **טַייוְול** הָאט נָאךְ אַייךְ גִישִׁיקְט.

**אִיז דֶער תַּם** זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גִיוָוארְן אוּן אִיז גִילָאפְן אוּן הָאט דֶערְצֵיילְט זַיין וַוייבּ מִיט גְרוֹיס פַּחַד בַּאֲשֶׁר דֶער **טַייוְול** הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט הָאט זִי אִים **אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן**. אַז עֶר זָאל שִׁיקְן נָאךְ דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. הָאט עֶר נָאךְ אִים גִישִׁיקְט.

**אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם** גִיקוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיגִיבְּן קַמֵיעוֹת אוּן שְׁמִירוֹת אוּן הָאט אִים גִיזָאגְט אַז **הַיינְט** וֶועט עֶר זִיךְ שׁוֹין גָאר נִיט שְׁרֶעקְן. הָאט עֶר דְרִינֶען גִיהַאט **גְרוֹיס אֱמוּנָה**.

**דֶערְנָאךְ** זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיזֶעסְן אִין אֵיינֶעם דֶער **תַּם** מִיט דֶעם **חָכָם**. פְרֶעגְט אִים דֶער **חָכָם**. וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּער גִישְׁרָאקְן. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיבֶּער דֶעם **טַייוְול** וָואס עֶר הָאט נָאךְ אוּנְז גִישִׁיקְט.

**הָאט דֶער חָכָם** אוֹיס אִים גִילַאכְט. אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים דוּ גְלֵייבְּסְט אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַ **טַייוְול**.

**פְרֶעגְט אִים דֶער תָּם** דֶער מִינִיסְטֶער. וֶוער זֶע דֶען הָאט נָאךְ אוּנְז גִישִׁיקְט. עֶנְפֶערְט אִים דֶער חָכָם. הָאט דָאס אִיז בְּוַודַאי פוּן מַיין בְּרוּדֶער. עֶר הָאט גִיוָואלְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מִיט מִיר זֶעהְן. הָאט עֶר עֶס אוֹיף גִישְׁטֶעלְט. אוּן הָאט נָאךְ מִיר גִישִׁיקְט מִיט דֶעם אָנְשְׁטֶעל.

**פְרֶעגְט אִים דֶער תָּם.** אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַוארְטֶעס. עֶנְפֶערְט עֶר אִים. עֶר הָאט זֵיי בְּוַודַאי מְשַׁחֵד גִיוֶוען אוּן זֵיי זָאגְן אִין מִיסְטְעֶנֶע אַ לִיגְן אַז זֵיי הָאבֶּען אִים גָאר נִיט גִיזֶעהְן.

**דֶערְוַוייל** קוּמְט ווִידֶער אֵיינֶער אוּן זָאגְט ווִידֶער אַזוֹי. **דֶער טַייְוֶול** הָאט נָאךְ אַייךְ גִישִׁיקְט. אוּן דֶער תָּם הָאט זִיךְ אִיצְט שׁוֹין גָאר נִיט גִישְׁרָאקְן אוּן עֶר הָאט **קֵיין שׁוּם פַּחַד שׁוֹין נִיט גִיהַאט.** מַחְמַת דִי שְׁמִירוֹת וָואס עֶר הָאט **גִינוּמֶען בַּאם בַּעַל שֵׁם.**

**רוּפְט עֶר זִיךְ אָן** (דְהַיינוּ דֶער תָּם) אוּן זָאגְט צוּם חָכָם. **נָא הַיינְט.** וָואס זָאגְסְטוּ.

**עֶנְפֶערְט עֶר אִים.** אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער וָואס עֶר אִיז אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז. הָאט עֶר עֶס גִימַאכְט דֶעם אָנְשְׁטֶעל כְּדֵי עֶר זָאל מִיךְ אִיבֶּער שְׁרֶעקְן.

**אוּן דֶער חָכָם** הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ זֵיי. וָואס פַאר אַ פָּנִים הָאט דֶער דָאזִיגֶער וָואס הָאט גִישִׁיקְט נָאךְ אוּנְז. וָואס אַ פַארְבּ הָאבְּן זַיינֶע הָאר וְכוּ' אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכְן הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי.

**רוּפְט זִיךְ אָן דֶער חָכָם** אוּן זָאגְט זֶע. הָאט דָאס אִיז דָאס גִישְׁטַאלְט פוּן מַיין בְּרוּדֶער. זָאגְט אִים דֶער תָּם. וֶועסְטוּ זֶע גֵיין מִיט זֵיי. עֶנְטְפֶערְט עֶר יוֹא. אִיךְ וֶועל גֵיין מִיט זֵיי. נָאר דוּ זָאלְסְטוּ מִיר גִיבְּן עֶטְלִיכֶע זֶעלְנֶער אוֹיף אַזַאלַאגָא כְּדֵי מֶען זָאל מִיר קֵיין יְסוּרִים נִיט אָנְטָאן. הָאט עֶר אִים גִיגִיבְּן אַזַאלַאגָא.

**זֶענֶען דִי צְוֵויי חֲכָמִים הַנַ"ל** גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ זֵיי (דְהַיינוּ מִיט דֶעם טַייְוֶול. וָוארְן זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוָואלְט גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דֶער טַייְוֶול כַּנַ"ל)

**הָאבְּן זִיךְ דִי זֶעלְנֶער** פוּן דֶער זַאלַאגָא אוּמְגִיקֶערְט. פְרֶעגְט זֵיי דֶער תָּם דֶער מִינִיסְטֶער וואוּ זֶענֶען דִי חֲכָמִים. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט זֵיי וֵויסְן גָאר נִיט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען.

**אוּן דֶער** (דְהַיינוּ דֶער שְׁלִיחַ פוּן דֶער טַייְוֶול) **הָאט גִיחַאפְּט** דִי חֲכָמִים אוּן הָאט זֵיי אַרַיין גִיטְרָאגְן אִין אַ בְּלָאטֶע אַרַיין מִיט אַ לֵיים. אוּן דָארְטְן אִיז גִיזֶעסְן דֶער **טַייְוֶול** אוֹיף אַ שְׁטוּל אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּן דִי בְּלָאטֶע אִיז גִיוֶוען גְרָאבּ אוּן גִידִיכְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵייעֶ פוּנְקְט.

**אוּן דִי חֲכָמִים** הָאבְּן זִיךְ גָאר נִיט גִיקֶענְט רִירְן אִין דֶער בְּלָאטֶע. אוּן דִי חֲכָמִים הָאבְּן גִישְׁרִיגְן. רְשָׁעִים פַארְוָואס טוּט אִיר אוּנְז אָן יְסוּרִים. אִיז דֶען דָא אַ **טַייְוֶול** אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיר זֶענְט רְשָׁעִים אִיר טוּט אוּנְז אָן יְסוּרִים אוּמְזִיסְט (וָוארְן דִי חֲכָמִים הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט גִיוָואלְט גְלֵייבְּן אַז סֶע אִיז פַאר הַאנְדְן אַ טַייְוֶול. נָאר זֵיי הָאבְּן גִיזָאגְט אַז מֶענְטְשְׁן רְשָׁעִים טוּהְן זֵיי אָן יְסוּרִים אוּמְזִיסְט)

**זֶענֶען גִילֶעגְן דִי צְוֵויי חֲכָמִים** אִין דֶער גִידִיכְטֶער בְּלָאטֶע. אוּן הָאבְּן גִיקְלֶערְט. וָואס אִיז דָאס. דָאס אִיז אַנְדֶערְשׁ נִיט נָאר דִי הוּלְטַייעֶס וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אַמָאל מִיט זֵיי גִיקְרִיגְט. טוּהְן זֵיי אוּנְז אָן הַיינְט אַזוֹינֶע יְסוּרִים.

**זֶענֶען דִי חֲכָמִים דָארְט גִילֶעגְן** אִין דֶער בְּלָאטֶע כַּמָּה שָׁנִים. אוּן מֶען הָאט זֵיי דָארְט אָנְגִיטָאן ווִילְדֶע יְסוּרִים מִיט ווִילְדֶע עִנוּיִים.

**אַמָאל אִיז דֶער תַּם דֶער מִינִיסְטֶער** פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶער שְׁטוּבּ פוּן דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין זַיין **חָבֵר** אִין דֶעם **חָכָם**.

**אוּן אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם**. אוּן הָאט זִיךְ צוּ אִים גִינֵייגְט. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ. אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דֶעם חָכָם אוּן אוֹיבּ עֶר קָאן אִים אַרוֹיס נֶעמֶען.

**אוּן דֶער תַּם דֶער מִינִיסְטֶער** הָאט גִיזָאגְט **צוּם בַּעַל שֵׁם** גִידֶענְקְט אִיר דֶעם חָכָם וָואס דֶער **טַייוְול** הָאט גִישִׁיקְט נָאךְ אִים אוּן הָאט אִים אַוֶועק גִיטְרָאגְן אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן הָאבּ אִיךְ אִים נִיט גִיזֶעהְן.

**הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גִיעֶנְפֶערְט** יוֹא אִיךְ גִידֶענְק. הָאט אִים דֶער **תַּם דֶער מִינִיסְטֶער** גִיבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים וַוייזְן דָאס אוֹרְט וואוּ דֶער חָכָם אִיז אוּן זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָארְט

**הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם גִיזָאגְט**. אִיךְ קָאן בְּוַודְאַי דִיר וַוייזְן זַיין אוֹרְט. אוּן קֶען אִים אַרוֹיס נֶעמֶען נָאר סֶע זָאל מֶער נִישְׁט גֵיין נָאר אִיךְ אוּן דוּ.

**זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע גִיגַאנְגֶען**. הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיוואוּסְט. זֶענֶען זֵיי אַהִין גִיקוּמֶען הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי זֵיי לִיגְן דוֹרְט אִין דֶער גִידִיכְטֶער בְּלָאטֶע אִין לֵיים.

**וִוי דֶער חָכָם הָאט דֶערְזֶעהְן דֶעם תַּם דֶעם מִינִיסְטֶער**. הָאט עֶר צוּ אִים גִישְׁרִיגְן **בְּרוּדֶער**. זֶע. זֵיי שְׁלָאגְן מִיךְ. אוּן דִי הוּלְטַייֶעס פַּיינִיקְן מִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּמְזִיסְט.

**הָאט אוֹיף אִים דֶער מִינִיסְטֶער אַ גִישְׁרֵיי גִיטָאן**. נָאךְ הַאלְסְטוּ זִיךְ אִין דַיינֶע חָכְמוֹת אוּן ווִילְסְט נִיט גְלֵייבְּן אִין קֵיין שׁוּם זַאךְ. אוּן דוּ זָאגְסְט אַז דָאס אִיז מֶענְשְׁן.

הָאט הַיינְט זֶעה. הָאט דָאס אִיז דֶער **בַּעַל שֵׁם** וָואס דוּ הָאסְט אִין אִים גִילֵייקְנְט. וֶועט מֶען דִיר וַוייזְן אַז דַייקֶא **נָאר עֶר קָאן אַייךְ אַרוֹיס נֶעמֶען** (אוּן עֶר וֶועט אַייךְ וַוייזְן דֶעם אֱמֶת)

**הָאט דֶער תַּם דֶער מִינִיסְטֶער** גִיבֶּעטְן דֶעם **בַּעַל שֵׁם**. אַז עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען אוּן זָאל זֵיי וַוייזְן אַז דָאס אִיז אַ **טַייוְול** אוּן סֶע אִיז נִיט קֵיין מֶענְשְׁן.

**הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם** גִיטָאן וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. **זֶענֶען זֵיי גִיבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה** (דְהַיינוּ אוֹיף דֶער טְרִיקֶענִישׁ) אוּן סֶע דוֹרְט **גָאר קֵיין בְּלָאטֶע נִיט גִיוֶוען**. אוּן דִי מַזִיקִים זֶענֶען **גִיוָוארְן עַפְרָא בְּעַלְמָא** (דְהַיינוּ זֵיי זֶענֶען גָאר עֶרְד גִיוָוארְן)

**דֶעמוּלְט הָאט עֶרְשְׁט דֶער חָכָם דֶערְזֶעהְן דֶעם אֱמֶת** אוּן עֶר הָאט גִימוּזְט **מוֹדֶה** זַיין אוֹיף אַלִימֶען אַז סֶע אִיז **יוֹא דָא אַ מֶלֶךְ** אוּן סֶע אִיז יוֹא דָא אֵיין **אֱמֶתִיר בַּעַל שֵׁם** וְכוּ'.

**אוֹיף דֶער מַעֲשֶׂה** אִיז גִיזָאגְט גִיוָוארְן דִי תּוֹרָה וָואס זִי שְׁמוּסְט פוּן **תְּמִימוּת** אַז דֶער עִיקָר יוּדִישְׁקֵייט אִיז נִיט קֵיין חָכְמוֹת **נָאר תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת וְכוּ'**: נָאךְ דֶעם אַז עֶר הָאט אוֹיס גִילָאזְט דִי מַעֲשֶׂה. הָאט עֶר זִיךְ אָנְגִירוּפְן. אוּן אַז דָאס דַאוִוענֶען אִיז נִיט אַזוֹי וִוי מְדַארְף. **אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרַיי עֶקְן**. פַארְשְׁטֵיי גוּט וָואס מְדֶערְצֵיילְט. וִוי אַזוֹי מְקָאן אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי וֶועלְט מִיט בְּרוֹיט אוּן מִיט וַואסֶער אוּן מִיט פֶּעלְץ. אוּן מְזָאל אַבֶּעסֶער לֶעבְּן הָאבְּן אוּן **אַ פְרֵייליכֶער לֶעבְּן**. אֵיידֶער דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן אַז זֵיי זֶענֶען פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. אוּן צוּם סוֹף אִיז זִיךְ **אַוַודְאַי נָאר גוּט דֶעם תַּם** וָואס עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּגְן גִילָאזְט מִיט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אוּן אִיז **תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גִיוֶוען**. אוּן דֶער וָואס וִויל זַיין אַ חָכָם אוּן טְרַאכְט פִיל אִיבֶּער. וֶוערְט עֶר פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אוּן אִיז פוּל מִיט יְסוּרִים תָּמִיד. אוּן דֶער הָאט קֵיין מָאל קֵיין לֶעבְּן נִיט. אוּן צוּם סוֹף וֶוערְט עֶר פַארְלוֹירְן. **בִּיז דֶער תַּם מוּז אוֹיף אִים רַחְמָנוּת הָאבְּן**. אוּן זָאל אִים הֶעלְפְן. חוּץ דֶעם אִיז נָאךְ דָא אִין דֶער מַעֲשֶׂה זֵייעֶר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת. וָוארְן דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת זֶענֶען דוּרְךְ גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה.




## די ניינטע מעשה (5) - פונעם חכם מיטן תם (סוף)

**א. וואס נאך האט דער תם געזאגט פארן חכם?**
- ❑ איך בין אויף דיינעם שוין לאנג געקומען (צו חכמה).
- ❑ דו ביסט נאך נישט געקומען אויף מיינעם (תמימות).
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ב. וואס נאך האט דער תם געזאגט פארן חכם ?**
- ❑ עס איז מער שווערער אז דו זאלסט אן קומען צו מיין תמימות.
- ❑ עס איז מער שווערער פאר א תם צו אן קומען צו די חכמה פון א חכם.
- ❑ עס איז שווער פאר א חכם צו זיין א תם, און עס איז שווער פאר א תם צו זיין א חכם.

**ג. וואס האט דער תם גענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט אז עס איז נישטא קיין מלך בעולם ?**
- ❑ ער האט א געשריי געטאן, איך אליין האב געזעהן דעם מלך.
- ❑ ער האט אים געזאגט גלאסען, איך האב אליין געזעהן דעם מלך.
- ❑ ער האט אים געזאגט, יעצט גיי אוועק פון מיין הויז.

**ד. ווער האט געשיקט רופן דעם חכם מיטן תם?**
- ❑ דער מלך.
- ❑ דער בעל שם.
- ❑ דער טייוול (דער נישט גוטער).

**ה. וואס האט דער בעל שם געגעבן פארן תם, און וואס האט ער אים געזאגט ?**
- ❑ ער האט אים געגעבן א טייערער ספר, און האט אים געזאגט, ער זאל לערנען אין דעם.
- ❑ ער האט אים געגעבן קמיעות און שמירות, און האט אים געזאגט אז היינט וועט ער זיך שוין גאר נישט שרעקן .
- ❑ ער האט אים געגעבן געלט און האט אים געזאגט ער זאל לייגן אין צדקה וועט ער זיך נישט שרעקן.

**ו. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, ווער איז דער וואס האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ דאס איז בוודאי דער טייוול
- ❑ דאס איז בוודאי א שליח פונעם קעניג.
- ❑ דאס איז בוודאי מיין ברודער.

**ז. פארוואס האט זיך דער תם נישט מורא געהאט דעם צווייטן מאל וואס דער טייוול האט געשיקט רופן נאך זיי?**
- ❑ ווייל דאס ערשטע מאל האט גארנישט פאסירט.
- ❑ ווייל דער חכם האט געזאגט אז מען דארף נישט מורא צו האבן
- ❑ ווייל ער האט גענומען א שמירה פונעם בעל שם.

**ח. וואס האט דער חכם געזאגט פארן תם, די צווייטע מאל וואס דער טייוול האט זיי געשיקט רופן?**
- ❑ דאס איז דער טייוול און ער וויל אונז דער שרעקן.
- ❑ דאס איז א שליח פונעם מלך וואס ער האט אונז פיינט.
- ❑ דאס איז מיין ברודער וואס ער איז ברוגז אויף מיר.

**ט. וואס האט דער טייוול געטעהן פאר די חכמים?**
- ❑ ער האט זיי געהאקט שטארקע מכות.
- ❑ ער האט געכאפט די חכמים און האט זיי אריין געטראגן אין א בלאטע אריין מיט א ליים.
- ❑ ער האט זיי אריוס געשטופט פונעם שטוב.

**י. וואס האבן די חכמים געשריגן פון די בלאטע?**
- ❑ אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.
- ❑ זיי ווילן תשובה טאן.
- ❑ רשעים פארוואס טוט איר אונז אן יסורים.

**יא. די חכמים האבן געגלייבט אז עס איז דא א טייוול אויף די וועלט?**
- ❑ נאך וואס דער טייוול האט זיי געטאהן יסורים האבן זיי געגלייבט.
- ❑ זיי האבן נישט געגלייבט, זיי האבן געזאגט אז די רשעים מאכן אונז די יסורים.
- ❑ זיי האבן געגלייבט אז עס איז דא א טייוול, נאר זיי האבן געזאגט אז די רשעים מאכן אונז די יסורים.

**יב. וואס האט זיך דער תם דערמאנט ווען ער איז אריבער געגאנגען פאר די שטוב פון דער בעל שם?**
- ❑ אז עס איז דא א צדיק אויף דער וועלט.
- ❑ אז אמאל פלעגט ער מאכן שיך מיט דריי עקן.
- ❑ אין זיין חבר דער חכם.

**יג. וואס האט דער תם געבעטן פון דער בעל שם?**
- ❑ אויב ער קען אים וויזן דעם חכם.
- ❑ אויב ער קען אריוס נעמען דעם חכם.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**יד. וואס האט דער חכם געשריגן ווען ער האט געזעהן דעם תם?**
- ❑ זעה זיי שלאגן מיך און פייניקן מיך אומזיסט.
- ❑ זעה אז עס איז נישטא קיין טייוול אויף דער וועלט.
- ❑ זעה אז עס איז נישטא קיין מלך אויף דער וועלט.

**טו. ביים סוף האבן די חכמים מודה געווען אז עס איז דא א מלך און א צדיק אויף דער וועלט ?**
- ❑ ניין.
- ❑ יא.
- ❑ זיי האבן געמוזט מודה זיין.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויילן פון די מעשה?**
- ❑ אז מען דארף בעטן פאר השי"ת צו זוכה זיין, צו זיין א תם.
- ❑ אז עס איז שווער פארן חכם צו זיין א תם.
- ❑ ______________________.

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# טְרֶערְן קַייקְלְט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד

אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן אִין זַיין צִימֶער אוּן זַייעֶר גֶעוֵויינְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז זַיינֶע טְרֶערְן זֶענֶען אַרָאפְּגֶערִינֶען בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דִי עֶרְד אַרוּם אִיז נַאס גֶעוָוארְן פוּן אַזוֹיפִיל טְרֶערְן אוּן דֶעם רֶבִּי'נְס שִׁיךְ זֶענֶען גֶעוָוארְן צוּגֶעקְלֶעפְּט צוּ דֶער עֶרְד פוּן דִי פַאכְטַקַייט פוּן טְרֶערְן.

אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אִין דִי טֶעג פוּן סֻכּוֹת וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען דִי בִּימָה מִיט זַיין אֶתְרוֹג אוּן לוּלָב - דִי פִיר מִינִים, הָאבְּן דִי אַרוּמִיגֶע מֶענְטְשְׁן בַּאמֶערְקְט ווִי אַרוּם דֶעם רֶבִּי'נְס פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִיז גֶעוֶוען נַאס דִי עֶרְד, פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס טְרֶערְן וָואס עֶר הָאט פַארְגָאסְן בַּיים זָאגְן דִי הוֹשַׁעְנוֹת אַרוּם דִי בִּימָה.



דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע זַייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ זָאגְן אַלֶע סָארְטְן בַּקָּשׁוֹת אוּן תְּחִנּוֹת וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעדְרִיקְט אִין דִי סִדּוּרִים, אֲפִילוּ דִי תְּפִלּוֹת וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ [וָואס מֶען קֶען נָאךְ הַיינְט טְרֶעפְן אִין דִי אַלְטֶע מַחְזוֹרִים, אָדֶער אִין דִי מַאמֶע'ס אִידִישֶׁע צְאֶנָה וּרְאֶינָה] הָאט עֶר זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעהַאלְטְן נָאר אַלֶעס גֶעזָאגְט אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סֻכּוֹת אוּן הֵייבְּן דָאס קוֹל בַּיים זָאגְן דִי הוֹשַׁעְנוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז הוֹשַׁעְנָא רַבָּה אִיז דֶער עִיקָּר דָאס זָאגְן, זָאגְן תְּהִלִּים, מַעֲבִיר זַיין דִי סֶדְרָה פוּן וְזֹאת הַבְּרָכָה, אוּן וָואס מֶען קֶען נָאר זָאגְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע אִידְן. (לע"נ ביילא בת ר' שמעון הלוי ע"ה)

# איין אמשה'לע



המשך פון זייט 3

## הֶיֶה עִם פִּיפִיּוֹת

מַיין טַאטֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְקִילְט, דְרֵייעֶנְדִיג זִיךְ אוֹיף דִי גְרֶענִיצְן עֶטְלִיכֶע שָעָה'ן נָאכְן זַיין אוֹיף כִּמְעַט צְוֵויי טֶעג. אָבֶּער עֶס אִיז אִים נִישְט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז זַיין קוֹל אִיז נִישְט צוּם דֶערְקֶענֶען. וֶוען עֶר הָאט גֶערוּפְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן עֶרֶב יוֹם טוֹב זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער צוּ וואוּנְטְשְׁן אַ גוּט יָאר, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז גֶעשֶען צוּ דַיין קוֹל?!

אָבֶּער וֶוען עֶס הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט דֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר, אוּן מַיין טַאטֶע דַאוְונְט פַארְן עַמּוּד, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן דִי גַּבָּאִים זָאלְן פְּרוּבִּירְן דָאס יָאר צוּ נֶעמֶען אַן אַנְדֶערְן בַּעַל תְּפִלָּה, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְט גֶעהַאט קַיין חֵשֶק.

מִיר קִינְדֶער הָאבְּן פַארְשְטַאנֶען אַז מֶען דַארְף דָא אַ גְרוֹיסֶער נֵס, ווייל מַיין טַאטֶע הָאט נִישְט אוֹיפְגֶעהֶערְט הִיסְן אוּן פַארְלִירְן זַיין אָטֶעם, הָאבְּן מִיר גֶענוּמֶען דֶעם עֵצָה וָואס אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב הָאבְּן גֶעטוּן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען.

מַיין טַאטֶע הָאט נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט פַארְן צוּגֵיין צוּם עַמּוּד נִישְט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט דֶער כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה אַז ווי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט דָאס מוֹיל צוּ דַאוְוענֶען הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ קוֹל פוּן אַ פִידְל אָן קַיין שוּם שְטֶער, אַז עֶס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אֶפְשָר שֶענֶער פוּן דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן.

# דעם רבי'נס לייב

המשך פון זייט 2

מִיר פַארְגֶעשְלָאגְן אִיךְ זָאל אַהֵיימְגֵיין, הָאבּ זִיךְ טַאקֶע אַהֵיימְגֶעיָאגְט.

מִיר הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אוֹיף אַ קְלֵיין בֶּערְגְל, דִי וֶועג פוּן חֶדֶר צוּם שְטוּבּ אִיז גֶעוֶוען בַּארְג אַרוֹיף. אִיךְ גֶעדֶענְקְט זִיךְ נָאר לוֹיפְנְדִיג אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, אוּן מִיטְאַמָאל אִיז מִיר גֶעוָוארְן שְׁוַוארְץ אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְט וָואס אִיז וַוייטֶער גֶעשֶען צוּ מִיר, נָאר אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּלוּצְלִינְג גֶעטְרָאפְן דוּרְכְגֶעוַוייקְט נַאס, לִיגְנְדִיג אִין וַואסֶער. עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְטֶעלְט אַז פוּן גְרוֹיס הוּנְגֶער בִּין אִיךְ צַאמְגֶעפַאלְן אוּן דִי שְכֵנִים הָאבְּן מִיר בַּאגָאסְן מִיט וַואסֶער מִיר צוּ אוֹיפְוֶועקְן פוּן חַלָשׁוּת.

שְפֶּעטֶער הָאט אַ נָאנְטֶע שְכֵנָה גֶעפְרֶעגְט פוּן מַיין מַאמֶע: 'דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעוואוּסְט אַז דָאס קִינְד אִיז שְוַואךְ אוּן הוּנְגֶערִיג נָאךְ אַ אַזוֹיפִיל שָעוֹת נִישְט עֶסְן, פַארְוָואס הָאסְטוּ אִים גֶעשִיקְט אִין חֶדֶר? הָאסְט גֶעקֶענְט שַאפְן נָאכְמִיטָאג אַ שְטִיקְל בְּרוֹיט אוּן נָאכְדֶעם אִים אָפְּשִיקְן, אָדֶער אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף אֵיין טָאג חֶדֶר זָאל עֶר בִּיזְדֶערְוַוייל זַיין אִין שְטוּבּ!'

'אִיךְ בִּין נִישְט גְרֵייט צוּ נֶעמֶען אוֹיף מִיר דִי אַחֲרָיוּת אַז צוּלִיבּ מִיר אִיז דָאס קִינְד נִישְט גֶעגַאנְגֶען אִין חֶדֶר אִין אַזֶעלְכֶע צַייטְן, וֶוען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז אוּמְשַאצְבַּאר!' הָאט דִי מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט."

המשך אי"ה קומענדיגע וואך

פון ספר 'שלהבת בכפור' מיט רשות פונעם מחבר

המשך פון זייט 1

אַז נָאכְן זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען אַ גַאנְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב צוּ בּוֹיעֶן דֶער סוּכָּה פִּילְט מֶען גָאר אַן אַנְדֶערְן טַעַם אִין סֻכּוֹת.

הָאט זִיךְ ר׳ נָתָן אָנְגֶערוּפְן: ״דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פַארְזוּכְט, זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן עֶרֶב יוֹם טוֹב, ׳בַּאשֶׁעפֶער, הַטְעִימֵנוּ טַעַם סוּכָּה׳ וָואסְפַארַא טַעַם מֶען קֶען דֶערמָאלְטְס שְׁפִּירְן אִין דִי סוּכָּה״.

דֶערְפַאר טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג נוּצְט אוֹיס דָאס מוֹיל וָואס מֶער, בִּשְׁעַת מֶען גְרֵייט אָן דִי סוּכָּה, בֶּעטְס בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן ״הַטְעִימֵנוּ טַעַם סוּכָּה – בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן אַ טַעַם סוּכָּה״, ״הַטְעִימֵנוּ טַעַם אַהֲבַת ה׳״, ״הַטְעִימֵנוּ טַעַם שִׂמְחָה בֶּאֱמֶת״.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן וואוּ זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ זָאלְן הָאבְן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעכְטִיגֶע יוֹם טוֹב, בִּפְרָט אַז יוֹם טוֹב וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אַלֶע מִצְווֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר, אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם צוּ תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, עֶס זָאל נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף אוּנְז אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלֶע מִינֵי חֲסָדִים וִישׁוּעוֹת, מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה פוּנֶעם נָבִיא ״וּשְׁאַבְתֶּם מַיִם בְּשָׂשׂוֹן מִמַּעַיְנֵי הַיְשׁוּעָה (יְשַׁעְיָהוּ יב, ג) אוּן דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם ״עֶנְק זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ נַייעֶ לֶערוּנְג (לִמּוּד) מִיט פְרֵייד פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַדִּיקִים״ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

# דער נאמען פון די מתמידים איז
# ״והודעתם לבניך״

דער געווינער איז

## הילד זלמן לייב לייפער נ״י
## מאנסי, ניו יארק

[עטליכע קינדער האבן צוגעטראפן,
דער געווינער איז מיט א גורל]

דער געווינער וועט באקומען א סעט
**ליקוטי הלכות**

א מחיה * אבני קודש * אוהל תורה * אולפן חדת * אוצרות * אור זורח * אור תורה * אורייתא * אחדות אמרי נועם * אריינכאפן * אשרינו * בן מלך * בן תורה * בני הנעורים * בפיך ובלבבך * ברכת התורה דפים * דרך הלימוד * המשכה * התחדשות * התמדה * התמדת התורה * **והודעתם לבניך** * זריזים זריחה * חבורה * חברותא * חברים * חטוף ואכול * חיים טובים * חן דקדושה * חן התורה * חשק התורה * יום-יום * ינוקא * יסודות * ישוב הדעת * כסדר * כסדרן * כתר תורה * לב התורה * להבין * ללמוד * להחיות * להמשיך * לומד תורה * לחטוף טוב * לימוד התורה * מחכימת * מעלות התורה * מקור חיים * מקור חכמה * משיבת נפש * משכן התורה * מתיקת התורה * מתמיד * נחל נובע * נעימות * נצח * נקודות-טובות * סגולה * על התורה * עסק התורה * עץ חיים * עת ללמוד * עת לעשות * פרישקייט * פרפראות * קביעות * קבלת התורה * קבלת עול * קיום התורה * קומי רוני * קמץ אלף * קנינים * שיעורים כסדרם * שלהבת * שמחת התורה * שמחת לב * שעשועים * שפתי תורה * תורה בקביעות * תורת השם * תורה תמימה * תורת חסד * תורת משה * תכלית * תמימי דרך

שלומי וויל ענדיגן זיינע אמירות פון חודש אלול אין סוכה, קענסטו אים העלפן אנקומען אין סוכה ווי שנעלער?





# א שול אין וואסער

פאמיליע ווינקל

**מעשה שהיה, נעמען פיקטיוו**

הרב ש. בערגמאן: פאר צוואנציג יאר צוריק איז דער היימישער געגנט אין בית שמש נאך געווען אין זיין ערשטע פאזע פון אנטוויקלונג. מען האט געבויט הייזער, געשעפטן, און פארשטייט זיך פאר אלעם – מוסדות פאר די קינדער און בתי מדרשים צו מתפלל זיין, כוללים און ישיבות. עס איז נישט געווען גרינג דער אנהייב. מען האט זיך געמוטשעט מיט געלט, פערמיטס פון דער מדינה און אלע טעכנישע זאכן ארום.

אונזערע לייט האבן זיך געטראפן זייער וועלדל הינטער רחוב רבי אלעזר, וואו זיי פלעגן מאכן זייער טעגליכע התבודדות. אויף דעם דארף מען נישט קיין פערמיט, געלט אדער טעכנישע ארבעט. זיי האבן גלאט איינגענומען דעם גאנצן שטח און זיך געמאכט שבת פאר זיך...

דארט אין יענעם געגנט, צווישן די וועלדער און פעלדער, איז געשטאנען אן אלטער וואסער-טאנק אינסטאלירט אין א הויכן טורעם וואס איז שוין לאנג ארויס פון באנוץ. דער שטיינערנער בנין איז געשטאנען איינזאם פארלאזט צווישן די הויכע דערנער און גראז.

פאר איינעם פון די טעגליכע באזוכער אין דעם וואלד איז איינגעפאלן אז דאס איז ממש א פאסיגער פלאץ פאר א כולל. ׳מען מוז זען ווי אזוי מען קען זיך דא אריינבאקומען,׳ איז ער געווען אנטשלאסן. איין טאג ווען עס איז אים פארבייגעפארן א טראקטאר, האט ער אים אהינגעשלעפט, פארשטייט זיך פאר א צוגעזאגטן באלוין. ער האט אראפגערופן בעלי מלאכה מיט כלים וואס זענען בכח דורכצוברעכן צעמענט. עטליכע טעג האט מען שווער געארבעט, אראפרופנדיג נאך פאכלייט און ארבעטערס, ביז עס איז זיי געלונגען דורכצוברעכן די שטארקע צעמענטענע וואנט, שאפנדיג אן עפענונג.

פונעם אויסגעבויערטן לאך האט זיך אנטפלעקט פאר זיי א ריזיגן ליידיגן צימער. נאכ׳ן אפברעכן די רערן וואס זענען געשטאנען אין וועג און אינסטאלירן א טיר און א פענסטער, האט מען אויסגעלייגט היימישע באלאטעס, אויסגערייניגט דעם פלאץ

און מען האט א פארטיגן כולל!

אין בית שמש האט זיך זייער שטאַרק אויסגעפעלט א היכל התורה, א שטיל ווינקל וואו מען קען עפענען א ספר אדער זיך צוזינגען מיט די פסוקים פון תהילים, א שטיל ביהמ"ד וואו מען קען פראווען חצות הלילה, לערנען און דאווענען און זיין אויסגעטון פון דעם טאג-טעגליכן געיעג פונעם ארום. אין דעם שטילן ווינקל, ווייט פון דער רוישיגער שטאט, וואו אויטאָס פייפן, מענטשן לויפן, טראקס רעש'ן, וועט מען קענען אנגיין מיט'ן עבודת הק' און זיך מתבודד זיין אומגעשטערט.

אומר ועושה, מען האט אפירגעקראצט א טיש און עטליכע בענקלעך און מען איז גרייט צום לערנען. צוביסליך האט זיך דאָס בית המדרש פארברייטערט מיט נאך מיטגלידער, און פון א טיש איז געווארן טישן און בענק.

די אנגעלייגטע ספרים האבן שוין געפאדערט א ספרים-שאפע, און שפעטער איז אויך צוגעקומען אן ארון קודש און ספר תורה. ווען א חשוב'ער בן תורה איז נפטר געווארן, האט מען אהינגעברענגט אלע זיינע ספרים. נאך א שטיק צייט האט זיך געשאפן דארט אן ערנסט שולכל וואס האט געווירבלט מיט חשוב'ע בני תורה און בני עלי'.

קיין עלעקטריציטעט איז נישט געווען דארט, און כדי צו פארטרייבן די קעלט וואס האט זיך געשאפן אין דעם צעמענטענעם הויכן דאך האט מען אינסטאלירט א אייוועלע ווי אין דער אלטער היים. האלץ איז געווען גענוג און נאך ארום דעם בנין, און מען פלעגט ארויסגיין אינדרויסן, צאמנעמען צווייגן, אפשניידן קלעצער און מיט דעם דערווארעמט די יונגעלייט.

יעדע נאכט ביי חצות הלילה, ווען אינדרויסן איז נאך פינסטער און קאלט, זענען ברסלב'ע חסידים צאמגעקומען צו זייער עבודת השם. מען האט אנגעצונדן לעקטערס וואס ארבעטן אויף באטאריע און לעכט ווי אין דער אלטער היים און ביי דער מאטע שיין האט מען געלערנט. ביים נץ החמה האָט מען אָפּגעראָכטן א פייערדיג דאווענען מיט התלהבות און ברען, אויסגעטון פון אלע געשעענישן וואס קומען פאָר נאר עטליכע קילאמעטער ארויס פון זייער וועלדל.

ליל שישי איז געווען דער הויכפונקט פון דער וואך. דעמאלטס איז דער כולל פול געווארן מיט יונגעלייט וועלכע פלעגן נישט קומען רעגלמעסיג. מען האט געקאכט אין לערנען מיט א ברען און פייער. עס האט זיך געשפירט אין דער לופט א דערהויבנקייט, ממש מעין עולם הבא. שבת קדשינו, מחמד עינינו... דער טענצל אינדערפרי נאכן נץ

דער פלאץ איז געווען ממש א מציאה. מען האט נישט געדארפט צאלן רענט אדער מארטגעדזש, נישט קיין בילס אדער אנדערע הוצאות וואס מאכט שווער די טאג-טעגליכע ווערטשאפט. דער ערשטער און לעצטער טאג פון חודש האט נישט געמאכט קיין חילוק. די טעג זענען געלאפן אָן קיין דאגות.

דאס אלעס האט זיך געפירט על מי מנוחות ביז איין חצות הלילה ווען די יונגעלייט זענען אנגעקומען גרייט פאר זייער עבודת השם און האבן געטראפן א צעטל אנגעקלעבט אויף דער טיר.

**אלחנן**: אסאך יארן האב איך געארבעט פאר קק"ל. [קק"ל - קרן קיימת לישראל, איז נאך אן אפטיילונג פון די פארשאלטענע ציונים. זייער אויפגאבע איז צו אכטונג געבן אויף זייערע שטחים וואס זיי האבן גע'גנב'עט. אין דעם איז אריינגערעכנט צעווארפן אומלעגאלע הייזער וואס אראבער האבן אויפגעשטעלט, להבדיל בתי מדרשים און ישיבות וואס מען האט אוועקגעשטעלט אין א ליידיגן שטח] מיין ארבעט איז געווען צו אויסשפורן די וועלדער און אכטונג געבן אויף דער נאטור. די ארבעט האט מיר געגעבן געוואלדיגע סיפוק. מיט מיין דעמאלטדיגע באגריפן האב איך געשפירט ווי איך גיב זיך אוועק פאר דער מדינה. איך פלעג אנקומען צו די ווייטסטע פלעצער וואס נאר דאס מיליטער האט צוטריט.

אין א טאג האט מען אריבערגעפירט מיין איינהייט צו די הרי יהודה בערג אינעם געגנט פון בית שמש. פאר מיר האט דער טויש זייער געשמעקט. עס איז מיר געווען אינטערעסאנט צו טוישן לופט, זען אן אנדערע לאנדשאפט, זיך באקענען מיט אן אנדער טייל פון לאנד.

דעם ערשטן טאג ביי דער ארבעט האב איך זיך אריינגעזעצט אין מיין דזשיפּ, הינטער מיין שותף נועם אין זיין דזשיפּ, און מיר האבן אנגעהויבן דעם טאג - אַ לאנגער, וואס האט זיך נאכנישט געענדיגט ביז היינט...

"אילאן (ווי מען האט מיך דעמאלטס גערופן), מיר האבן באקומען א ווארענונג אז טיף אין א וואלד אין בית שמש געפינט זיך א פארלאזטער וואסער-טאנק וואס מען ניצט אן קיין פערמיט," האט נועם מיר איינגעמאלדן אין טעלעפאן בשעת ער ליינט ארויס פון דעם באריכט וואס ער האט באקומען פון אונזער אויבערהאר.

"אהא! קום זיי מאכן אן איבערראשונג!" האב איך אונטערגעצונדן נועם. "קום דער ערשטער טאג ביי דער ארבעט און שוין גיבט מען אונז אזעלכע געשמאקע אונטערהאלטונגען!"

נועם און איך זענען צוזאמען אריבער אסאך גרינס... מיר זענען געווען געשוואוירענע פריינט, שותפים ווי איינס. ביי יעדער אקציע האבן מיר זיך געטיילט מיט די אויפגאבעס.

מיר האבן אפגעשטעלט אונזערע דזשיפס הארט נעבן דעם וואלד. נועם האט גענומען די טאשקע מיט דאקומענטן און מיר זענען ארויס פונעם טרעקל, באטאפענדיג די רעוואלווערס צו מאכן זיכער אז ס'איז גענוג אנגעפילט...

נועם קוקט אריין אין מאפע און הייבט אן זיין וועג ווען איך גיי אים נאך. נועם איז אן עקספערט, ער האט זיך נאך קיינמאל נישט טועה געווען, חוץ איינמאל...

"איך האף אז קיינער איז נישט דארט, און אויב יא וועט מען זיי אפשר מוזן איינזעצן," האט נועם גערעדט צו זיך. "ביסטו גרייט?" פרעגט ער מיר.

מיר מארשירן פאראויס ביז מיר קומען אן צו א רונדעכיגע געביידע פון צעמענט וואס האט יארן צוריק געברענגט וואסער פאר דעם דערנעבנדיגן דערפל זנות. אויף די ווענט אינדרויסן זענען געהאנגען שילדן ווי: "אין שום יאוש בעולם כלל!"

איך ווענד מיינע טריט צום אריינגאנג, אָבער נועם האלט מיך אפ. "ווארט, איך וויל זיי כאפן אין אן איבערראשונג, לאמיר גיין אינאיינעם! זיי מיינען אז מ'קען טון וואס מ'וויל?! מיר וועלן זיי נאך ווייזן ווער ס'איז בעל הבית דא..."

אבער מיינע אויערן האבן שוין נישט אויפגעכאפט דעם לעצטן זאץ. ווי נאר איך האב אריינגעשטעלט מיין ערשטן טריט אין דעם פלאץ, האב איך געשפירט ווי מיין הארץ גייט ארויס פון די גלייזן. ווער עס האט געזען דעם פלאץ האט געקענט מיינען אז ער איז אנגעקומען אין גן עדן. טיף צווישן די שטיינדלעך, גראז,ביימער און פליגן איז מען אריין אין אן אנדער וועלט וואו חיצוניות נעמט נישט קיין פלאץ. איך האב געשמעקט א ריח פון פארברענטע האלץ און צעלאזטע



וואקס. דער שטח אַרום איז געווען אנגעלייגט מיט איבערבלייבעניש פון פארלאשענע ליכט, א סימן אז זיי זענען דא געווען פאר עטליכע שעה צוריק, אינמיטן דער נאכט. די

ריינע קלארע רוחניות'דיגע לופט וואס האט דארט געהערשט האט אריינגעדרונגען אין מיין האלב-טויטן נפש. איך האב באקומען א געפיל צו די אידן וועלכע ווילן דא און ווערן נאנט צום באשעפער אין דעם הייל.

"לאמיר זיי איבערלאזן א ווארענונגס צעטל אז זיי זאלן וויסן אז מיר זענען ארויף אויף זייער שפורן," האט נועם מיך איבערגעהאקט פון מיינע ווארימע געפילן. זיין בליק האט געשפריצט פייער. "מיר וועלן רופן א פירמע אלעס צו צעברעכן. וואס מיינען זיי אז מען קען זיך אריינמישן אין דער טבע?!" האט ער געשימפט. "מען מוז אינפארסירן דאס געזעץ!" האט ער געדונערט.

איך האב אבער געזען גאר אן אנדער בילד. 'זיי ווילן קיינעם נישט שעדיגן,' בין איך געווען זיכער.

איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף איינעם פון די בענקלעך בשעת נועם איז געווען פארנומען ארומצוגיין קאנטראלירן דעם פלאץ. די טישן זענען געווען אנגעלייגט מיט ספרי קודש, ווי ליקוטי מוהר"ן, ליקוטי הלכות, תיקוני זוהר און אינדערמיט איז געשטאנען אן ארון קודש. מיט פארכט האב איך זיך דערנענטערט דערצו און אוועקגערוקט דעם פורהאנג, וואו עס האט זיך אנטפלעקט פאר מיר

אן אמת'ער ספר. פאר עטליכע מינוט בין איך געשטאנען דארט פארגאפט. איך האב זיך געשפירט גוט. איך האב נישט געוואוסט וואס דאס איז. קיום התורה איז נאך געווען אינגאנצן פרעמד פאר מיר, אבער פארט האב איך געשפירט באהאפטן. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין לעבן וואס עפעס אידישקייט כאַפּט מיך אן. איך האב פארמאכט מיינע אויגן



און זיך פארגעשטעלט ווי די מענטשן זיצן דא אינמיטן וואלד, אינמיטן דער נאכט ווען די ליכט שיינען. דאס איז אַ היסטארישע אטמאספערע. איך בין געווען זיכער אז דא איז דאס הארץ פון דער וועלט. איך האב זיך נאר געוואלט באַהעפטן צו זיי טראצדעם וואס איך האב זיי ניטאמאל געקענט.

איך גיי ארויס צו נועם. איך האב אים עפעס וויכטיג צו זאגן. נועם איז פארנומען מיט'ן טעלעפאן אין אויער.ווארשיינליך האט ער זיך פארבונדן

צום הויפטקווארטיר זיי איינצומעלדן איבער'ן סקאנדאל. איך לויף צו צו אים און כאפ ארויס דעם טעלעפאן פון האנט און האק אראפ, איידער עס איז צו שפעט.

"נועם, מאך נישט קיין רעש!" בעט איך זיך ביי אים, "לאמיר פארשווייגן דעם גאנצן ענין און זאגן פאר'ן אויפזעער אז מיר האבן גארנישט באזונדער געפונען דא. מען וועט איינשרייבן אין די ביכער אז אלעס איז אין בעסטער ארדענונג און פארטיג."

נועם מעסט מיך פון קאפ ביז פיס צי איך רעד אמת'דיג אדער איך גיי אט צוריקציען פון מיינע רייד. אבער איך האב נישט געהאט דאס אין פלאן.

"קוק, זיי מיינען נישט קיין שום שלעכטס. מיר האבן וויכטיגערס צו טון מיט אונזער טאג ווי זיין פארנומען מיט די אומשעדליכע מענטשן. קום לאמיר גיין ווייטער..."

"דו האסט זיך אויסגעגליטש אויף דיין שכל?!..." האט נועם שוין געכאפט וואו איך האלט אויף דער וועלט. "עס זעט דיר אויס אז אזא פלאץ קען מען לאזן אזוי?! אויב זיי פליען נישט היינט ארויס פון דא ווער ווייסט וואס זיי וועלן נאך אפטון?" איז ער ארויס פון די גלייזן. "זאלן זיי גיין דאווענען אין די בתי כנסיות וואס זיי האבן געבויט אויפן חשבון פון דער מדינה (נישט על טהרת הקודש)."

אבער איך האב ווייטער מלמד זכות געווען אויף דעם פלאץ. "וויפיל מאל האבן מיר שוין פארמאכט אן אויג אויף אומלעגאלע אקטיוויטעטן? זייט ווען ביסטו אזוי ערליך אין יעדער זאך וואס דו טוסט?" האב איך אים געצימבלט. "וויפיל אראבישע מעטשעטן (להבדיל) האבן מיר נישט געטשעפעט? און יעצט ווילסטו טשעפען א הייליג הויז?! נאר מיר זענען דא, און אויב מיר גיבן דאס נישט איין וועט קיינער נישט וויסן דערפון. זארג נישט, די שטאט וועט ווייטער עקזיסטירן אזוי אויך."

איך האב זיך אליין נישט געגלייבט וואס מיין מויל האט נארוואס ארויסגעזאגט.

"וואס, זיי האבן דיך פאר'כישופ'ט?!" איז נועם ווייטער צוריק צו זיינס. "איך האב דיר געזאגט אז כ'וועל דיר מאכן אן איבערראשונג... קום, מיר מוזן ווייטער גיין, מיר האבן נאך א לאנגן טאג היינט אויפצוטון. מיר באקומען דאך א געהאלט פאר אונזער תפקיד, מען טאר נישט פארשווענדן קיין צייט. יעצט לאמיר שרייבן א ווארענונגס צעטל, און דו לאז זיי איבער דיין טעלעפאן-נומער. העכסטנס וועלן זיי דיך רופן צו עסן טשאלענט צוזאמען..."

נועם האט געזען אז איך קאאפעריר נישט, האט ער אליין ארויסגענומען א

פענע און פארגעשריבן א לאנגע מגילה פון פארלעצונגען, מיט א ווארענונג אז ביז צוויי וואכן זאָלן זיי זיין אינדרויסן, ווייל מען וועט קומען צעווארפן דעם בנין. ער האט עס צוגעקלעבט צום ארייגאנג און אנגעהויבן צו שפאנען צום ריכטונג פונעם דזשיפ. מיט יעדן טריט זיינעם האבן מיר זיך מער און מער דערווייטערט איינער פון אנדערן. בפועל בין איך אים טאקע נאכגעגאנגען, אבער מיין הארץ איז געווען דערווייטערט פון אים. איך האב אים נישט געקענט מוחל זיין פאר זיינע מעשים.

**הרב ש. בערגמאן:** עס איז צוויי אזייגער אינמיטן דער נאכט, איך קום אָן צו אונזער סטאנציע פון עבודת השם, איך וויל אריינגיין, אבער דער אריינגאנג איז פארשטעלט מיט עטליכע יונגעלייט – די פלייסיגע פון אונז וועלכע קומען אלץ פונקטליך אין צייט. עפעס קאכט זיך דארט. איך נייג צו אן אויער.

'אונזער פלאץ איז קיינמאל נישט געווען א קרעמל פון פאליטיק. וואס קומט יעצט פאָר?' וואונדער איך זיך. איך קוק צום פונקט וואו יעדער קוקט און איך ווער אריינגעשלעפט אין א הייסע טעמע. מען פרובירט צו שפאקולירן וואס דער צעטל מיינט און יעדער זאגט זיינע השערות. דאס איז געווען זיכער אז איינער האט אינוואדירט אונזער אינזל.

איינס-ביי-איינס זענען מיר אריין אין היכל און זיך געזעצט ביים שטענדער. עס איז א שאד צו פארשווענדן די צייט ביי א צעטל. דער זייגער רוקט זיך, מען מוז אריינכאפן תורה הק'. די טעג זענען ווייטער געלאפן אבער מיר האבן געוואוסט אז מיר זענען דא אויף באָרג. מיר האבן פרובירט צו שתדל'ען ביי די שטאטישע באאמטע, אבער זיי האבן פארשטאפט די אויערן.

די נאכט פאַר'ן לעצטן טערמין איז געווען זייער רירנד. מיר האבן זיך געשפירט ווי אין רוסלאנד ווען די קאמוניסטן זענען געקומען פארשפארן די שולן. מיר זענען געווען זייער צוגעבונדן צו דעם פלאץ פון השראת השכינה און מען האט זיך געזעגנט מיט טרערן און שווערע געפילן. שא-שטיל איז יעדער געווען פארזונקען אין זיין אייגענע וועלט פון מחשבות.

פארשטייט זיך אז מען האט צום ערשט ארויסגעפירט די הייליגע ספר תורה. ווער עס האט געקענט האט ארויסגעטראגן ספרים. יעדער האט זיך איינגעפאקט זיינע פערזענליכע חפצים און געקושט די מזוזה מיט א האפענונג זיך נאך אומצוקערן צוריק אויף דעם פלאץ.

אלחנן: "האלא אילאן, וואו ביסטו?!"

האט מיך נועם אויפגעוועקט אינדערפרי. נישט אז איך שלאָף אסאך, גראדע בין איך א פארטאגס-מענטש, אבער יענעם טאג האב איך נישט געוואלט אויפשטיין. כ'ווייס נישט אויב איך האב געשפילט קראנק אדער בין איך באמת געווען קראנק.



מיין קאפ איז מיר געווען שווער און די ביינער האבן זיך נישט געוואלט בייגן צו מיר.

"היינט איז דער טאג," האט נועם ממשיך געווען ווי גלייך איך ווייס נישט. איך האב טאקע נישט געוואלט וויסן...

"איך פיל זיך נישט אמבעסטן," האב איך מצליח געווען ארויסצוהוסטן פון האלז. אבער נועם איז נישט געווארן איבערגענומען פון מיין קרענק.

"נו, קום. דו קענסט זיך נישט ארויסדרייען פון דיינע פליכטן. טו זיך אן און זעץ זיך אריין אין דזשיפ. עס ווארט אונז אפ א וויכטיגער טאג היינט."

היינט-צוטאגס ווייס איך שוין פארוואס איך האב עס געטון, אבער דעמאלטס האב איך נישט געוואוסט פארוואס איך האב אים געפאלגט. ווי א טאטעלע בין איך ארויס צו דער ארבעט.

דאסמאל זענען מיר נישט געפארן אליין נאר אין באגלייטונג פון א גאנצע סוויטע וואס דער הויפטקווארטיר האט באשטעלט. צום אלעם ערשט האבן זיי געשיקט א גאנצע איינהייט פון פאליציי – אויב דו פרומע וועלן זיך עקשנ'ען זאל מען קענען טיילן קלעפ און איינזעצן עטליכע פון זיי. דערנאך האבן זיי געשיקט אן אראבישע קאָנסטרוקציע פירמע וועלכע זענען מומחים אין צעווארפן שולן... און מיט א טראק אריינצונעמען אלע מיסט.

מיר קומען אן מיט א רעש צו רחוב רבי טרפון. די פאליצייאישע וועכטער צעשפרייטן זיך אינעם גאנצן געגנט צו היטן אויף דער ארדענונג. נועם גייט פאראויס צו ווייזן דעם וועג

און פון הינטער אים גייען אים נאך צוויי ברייט-ביינערדיגע אראבער, וואָס זענען ענדערש אויס ווי חיות ווי מענטשן, און דער דריטער, א רוסישער גוי מיט א שפיציגע נאז געבויגן אויף ארויף... ווען פון זיינע נאז-לעכער שטראָמט אַרויס א פארע פון רשעות און שלעכטס. ער איז געווען גרייט איינצונעמען דעם בנין אין עטליכע רגעים. זיי זענען געקומען מיט בולדאזערס, פארגעשריטענע מאשינעריי און געצייג גרייט צו דער ארבעט. מיט פעסטע טריט זענען זיי נאכגעגאנגען נועם וועלכער האט זיך דערנענטערט צום הייליגן היכל. נועם האט געשלעפט מיט זיך עטליכע גרויסע מיסט-זעקלעך אויב נויטיג.

איך האב נישט געווארט אויף קיינעם. מיט א קלאפעדיג הארץ בין איך אריינגעלאפן אין דער געביידע. איך האב געוואלט זען וואס מיינע נייע חברים טוען, אבער זיי זענען נישט געווען צום געפינען. גארנישט האט זיך געטוישט פון דעם פריערדיגן באזוך. איך קוק זיך ארום און שמעק די פארלאשענע ליכט. די פארברענטע האלץ האט געקיצלט אין מיינע נאז-לעכער. איך פארשטיי אז אויך היינט זענען זיי דא געווען ביינאכט. איך האב געזוכט א בריוו, אן אנדענק פון די מענטשן, אפשר פארט האבן זיי עפעס איבערגעלאזט. אבער גארנישט.

איך וויל רעדן צו זיי, איך וויל זיי איבערבעטן, איך וויל זיי זאגן אז איך האב זיי נישט געוואלט קיין שלעכטס טון. איך האב געשפירט אז איך האב געשאפן א קשר מיט די הייליגע לייט. איך גאַר זייער זיך צו באהעפטן צו זיי.

איך באמערק אז די ספרים-שאפעס זענען כמעט ליידיג. ווארשיינליך האבן זיי ארויסגעשלעפט וואס זיי האבן געקענט. איך דערנענטער זיך פארזיכטיג צום ארון קודש. איך רוק אוועק דעם פורהאנג און א וויי-געשריי רייסט זיך ארויס פון מיין הארץ: די ספר תורה איז מער נישט דא. זיי האבן אונז נישט געטרויט מיט דעם טייערן ארטיקל.

א זעץ ציט מיין אויפמערקזאמקייט. איך דריי זיך אויס און איז זע ווי דער רוסקי האקט מיט'ן האמער אויפ'ן אייזערנעם שטאנג פון דעם ארון קודש. ווען איך האב די מעגליכקייט גיב איך אים אין קאפ אריין. אזוי צו פארשוועכן דאס אידישע פאלק? איך האב דאס נישט געקענט צוקוקן.

די ספרים האבן מיך גערופן. איך האב שנעל גענומען עטליכע זעקלעך און אנגעהויבן צו פאקן ספרים וויפיל איך האב נאר געקענט. איך האב געפאקט און געפאקט ביז מיינע הענט האבן שוין וויי געטון. מיט ציטערדיגע הענט האב איך צאמגענומען די ספרים וואס

די אראבער האבן אראפגעווארפן אויף דער ערד.

די בולדאזערס האבן געארבעט מיט'ן פולן טעמפא. איך האב נישט געקענט הערן דעם רעש, די אראבער האבן געלאכט און זיך אונטערגעהאלטן אויף אראביש. נישט יעדן טאג קומט זיי אויס צו צעברעכן א מקום קדוש.

נועם איז די גאנצע צייט געשטאנען על המשמר אבער איך האב נישט געקענט מיטלעבן דעם גזר דין וואס איז ליידער נגזר געווארן. איך האב אנגעכאפט מיין קאפ מיט די צוויי הענט, פארשטאפט מיינע אויערן און פארמאכט מיינע אויגן וואס האבן געטריפט טרערן. איך האב געוויינט. דער חורבן האט מיך מורא'דיג באנומען.



געענדיגט די ארבעט און מען שפאנט צום דזשיפ. מיט מיינע געלעמטע הענט האב איך געשלעפט די שווערע זעק מיט ספרים וואס איך האב צוגעהאלטן מיט מיין גאנצן כח. אויפ'ן וועג האב איך זיך אנגעקלאפט אין אן אראפגעפאלענעם טאוול אויף דער ערד, זייער לעצטע איבערבלייבעניש. איך האב זיך אראפגעבויגן און געליינט "אין שום יאוש בעולם כלל", און די ווערטער האבן אריינגעבלאזן א חיות אין מיין אומעטיגן גייסט.

איך האב נישט געקענט פארשטיין נועמ'ס גלייכגילטיגקייט. אפגעארבעט זיינס, רייכט ער די הענט מיט די גוים און גייט אריין אין דזשיפ אויפן וועג צום קומענדיגן פראיעקט. ער האט א פולן טאג היינט צו ערלעדיגן.

איך זעץ מיך אריין אין מיין דזשיפ נעבן די זעק ספרים וועלכע זענען געלעגן ביים פאדערשטן זיץ. דער מאטאר צינדט זיך אן און איך קוק צום לעצטן

מאל צו דער ריכטונג וואס פירט צום גן עדן. אין דזשיפ איז געווען שטיל, מען האט נאר געהערט דעם גאלאפ פון די רעדער איבער'ן שאסיי, און איך בין געווען פארטיפט אין מיינע געדאנקען.

"נועם שכח," זאג איך אים אריין אין טעלעפאן. "האסט מיר געזאגט אז ס'קומט אן איבערראשונג. ס'איז באמת געווען א גוטס. האסט מיר געעפנט א נייער וועלט!

נועם האט זיך צולאכט, "אילאן, וואס איז געשען מיט דיר? ס'איז דיר לויז געווארן א שרויף?... וואס ביסטו אזוי איבערגענומען? סך הכל האט מען צובראכן עפעס א שטיבל..." (עפ"ל)

**הרב ש. בערגמאן**: מיר האבן ווייטער אנגעהאלטן די טעגליכע שפאצירן איבער די וועלדער און פעלדער צו מאכן התבודדות. דער וואסער-טורעם האט אונז גערופן. מיר האבן געוואלט אריינגיין צוריק צו אונזער רואיגן ווינקל אויסגעטון פון דער וועלט זיך באהעפטן אינעם אויבערשטן. נישט אזוי שנעל וועלן מיר אויפגעבן אויף דעם גן עדן התחתון. מען האט גערופן פאכלייט וועלכע האבן אויפגעבראכן די טיר און עס איז געווארן ליהודים היתה אורה. אבער נישט פאר צו לאנג. קוים זיך ווידער פלאצירט און די חברה זענען געווען צוריק. זיי האבן ווידער פארשלאסן די טיר און ווידער האט מען עס אויפגעבראכן. אזוי איז אנגעגאנגען א לאנגע צייט הין-און-צוריק, ביז די רשעים זענען געווארן נמאס פון דעם שפיל און האבן אראפגעברענגט א פירמע וועלכע האָט צעשמאלצן די עפענונג אויף אן אופן וואס מען זאל עס מער נישט קענען עפענען. היינט שטייט דער פלאץ פוסט און וויסט, אן אנדענק צו דער אמאליגער הייליגער מערה.

דער וואסער-טורעם-כולל איז געשטאנענען דריי יאר. די יארן געדענק איך פאר מיינע שענסטע יארן וואס איך בין געשטיגן אין עבודת השם. עס זענען געווען לעכטיגע טעג וועלכע האבן געשיינט מיט התעוררות. אין יענעם פלאץ האב איך קונה געווען אסאך תורה וואס באגלייט מיך נאך ביז היינט.

מיט דער צייט איז געווארן גרינגער מיט בתי מדרשים, עס האבן זיך געשאפן עטליכע חצות-כוללים וואו מען קען ווייטער אנגיין מיט דעם סדר היום און דער פלאץ איז אונז פארגעסן געווארן ווי יעדע זאך אין לעבן וואס קומט און גייט און שאפט היסטאריע.

אלחנן: ס'איז ביינאכט, אבער איך קען נישט איינשלאפן. איך האב נישט געקענט אויפהערן צו טראכטן פון די

יונגעלייט וואס זייער הויז איז זיי חרוב געווארן. איך האב געטראכט וואס זיי וועלן טון אָן זייער מקום קדוש. וועלן זיי אויפגעבן זייער סדר היום? וועלן זיי טרעפן אן אנדער פלאץ? וועלן זיי ווייטער אנצינדן ליכט איבער זייערע ספרים? הלוואי זאָל איך זיך קענען פארבינדן מיט זיי, מיינע ליבע פריינט. ווער זענט איר? וואו געפינט איר זיך?

יענער נאכט האט זיך אין מיין הארץ אנטפלעקט א נייער גייסט, א געפיל צו אמונה און עפעס העכערס. דאס איז זיכער געווען א מתנה – נישט פונקט דאס וואס נועם האט געמיינט צו זאגן, אבער א מתנה אין פולן זין פוןווארט...

איך האב מער נישט געקענט ארבעטן ביי קק"ל. איך האב געשפירט אז מיין הארץ איז נישט דארט. איך האב זיך אפגעזאגט און מען האט מיר צוגעטיילט אן ארבעט אין דער שטאט לוד ביי דער אפטיילונג וואס פירט א קאמף קעגן דראגס און דראג האנדלער. אבער אויך דארט בין איך געווען אומגליקליך. איך האב געכאפט מענטשן, ארעסטירט סוחרים אבער איך בין נישט אהיימגעקומען צופרידן. עס האט מיר געארט ווי מיינע קאלעגעס גיסן פעך און שוועבל אויף די פרומע. יעדעס מאל וואס זיי האבן גערעדט אויף די ערליכע, איז מיר ארויפגעקומען דאס בילד ווי מען צעברעכט דעם הייליגן ארון קודש. איך האב נישט געקענט גלייבן אז די פרומע זענען טאקע אזוי שלעכט ווי מען לייגט זיי אראפ. עפעס אין זייער שולכל האט מיר געגעבן א הרגשה אז עס רעדט זיך פון געהויבענע לייט.

"איך וויל נעמען צוויי טעג וואקאציע," האב איך איין טאג איינגעמאלדן פאר מיין אויבערהאר וועלכער האט עס קודם נישט געוואלט אננעמען. אבער ווען ער האט געזען אז איך פלאן ערנסט נישט אריינצוקומען מארגן, האט ער זיך געבראכן.

די וואקאציע האב איך געפראוועט אין מיין סטארעדזש צימער וואו איך האב באהאלטן די זעקלעך מיט ספרים. איך האב געעפנט איין זעקל נאכ'ן צווייטן און אנגעהויבן צו ליינען וואס דארט שטייט געשריבן, און איך האב נאכנישט געענדיגט ליינען זייט יענע וואקאציע...

די הייליגע ווערטער פון די ספרים האבן גערעדט צו מיר. איך האב געשפירט אז עס ליגן דארט באהאלטן אלע מיינע רפואות פאר מיין גוף און נפש. איך האב געשפירט ווי די צדיקים קוקן אויף מיר מיט גוטע אויגן. זיי ווינקען מיר אז עס ווארט מיר אפ א גוט לעבן און איך האב עס אנגענומען. שוין פון לאנגע יארן וואס מיין פארוואגלטע נשמה האט געווארט אויף דעם טאג, און ענדליך איז עס אנגעקומען!

עפילאג:

עס איז דעם ערשטער טאג פון נייעם זמן. נותי קוקט נאכאמאל איבער זיין טאש. ער מאכט זיכער אז ער האט די אלע נויטיגע ספרים. די מאמע קוקט נאך איינמאל איבער אויב ער האט אלע צוגעהערן. א קלייניגקייט? נותי גייט ארויף א כתה, זאל עס זיין מיט די רעכטע פיס!

לכבוד דעם גרויסן טאג וועט אים דער טאטע נעמען מיט זיין קאר צום חדר. ער מיינט אז ער וועט אים נאר צופירן צום חדר און פארטיג. ער ווייסט נישט וואס פארא איבעראשונג עס ערווארט אים...

ער פארט אויף די זייטיגע וועגן פון רחוב רבי טרפון. מען קען נישט צופארן נאנט צום תלמיד תורה וואס געפינט זיך נאך די וועלדער פון רחוב רבי אלעזר, דער געגנט וואו די היימישע מוסדות על טהרת הקודש האבן איינגענומען און אראפגעלייגט דארט די קאראוואנען פאר די חדרים, אָן צו דארפן אפגעבן דין וחשבון פאר דער מדינה וואס מען טוט דארט. די קינדער קענען צוקומען דורך טרעפ אדער א דורכגאנג, אבער מיט אן אויטא איז עס אן אומוועג.

טאטע און זון שפאנען אין וואלד אויף א זאמדיגן שמאלן וועג צום חדר. און פלוצלינג האט דאס פאסירט...

אלחנן האט זיך געגעבן א האסטיגן שטעל אפ. ער האט באמערקט דעם פארלאזטן וואסער-טאנק... א ים פון עמאציאנאלע געפילן האבן אים פארפלייצט און קיין פריערדיגע צוגרייטונג. אוי איז דאס געווען אן איבערראשונג, אזוי ווי נועם האט פאראויסגעזאגט... אלחנן האט שוין לאנג פארגעסן פון דעם אינצידענט און יעצט האט זיך עס ווידער אויפגעשפילט אין זיין זכרון געגוי ווי עס וואלט נאר פאסירט היינט. הערשט יעצט האט ער זיך געכאפט ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן זיין שלשלת פון ווערן א בעל תשובה. יא, ער דערמאנט זיך שוין, דא איז געווען דער אנהייב. די פארלאשענע ליכט, דער שמעק פון פארברענטע האלץ, די ספר תורה. דאס אלעס האבן זיך געשטעלט פאר זיינע אויגן אין א טאנץ.

ער האט איידל געגלעט די האנט פון נותי וועלכער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער טאטע האט זיך אפגעשטעלט. ער האט שוין געזען דעם פארלאזטן וואסער-טורעם גענוג מאל אָן צו שענקען די מינדסטע אויפמערקזאמקייט. אבער פאר אלחנן איז דער פלאץ געווען א היסטארישער פונקט. דא אויף דעם פלאץ האט זיך אנגעהויבן זיין וועג צו תשובה, און ווי מערקווירדיג איז עס, אז דער פלאץ

איז דער נענטסטער צו זיין זונ׳ס חדר.

אלחנן האט אנגעהויבן צו דאנקען דעם אויבערשטן פאר די חסדים וואס ער האט געטון מיט אים ביז אַהער; ער האט זוכה געווען צו חתונה האבן און אויפשטעלן א ערליכע שטוב מיט פינף ליכטיגע קינדער, באצירט מיט לאנגע פאות, וועלכע גייען אין מוסדות על טהרת הקודש!

(ווען דער שרייבער פון די שורות האט אים געקלונגען אויסצופרעגן, האט ער זיך פארענטפערט אז ער קען נישט יעצט רעדן ווייל ער האלט אינמיטן פראווען א ראש חודש סעודה מיט זיינע קינדערלעך...)

אן ערליכער איד פארשפרייט כבוד שמים וואו אימער ער געפינט זיך. נישט אלעמאל איבערצייגט ער זיך עס אויף למעשה, אבער שטענדיג איז עס א מציאות.

עס ווערט געברענגט אזא ענין אין רבינ׳ס ספרים אז גאנץ כלל ישראל זענען ווי א לייטער איינער העכער דער צווייטער. ווען איין איד דערהייבט זיך צו א העכערע דרגה, דערהייבט ער אלע אידן מיט אים אינאיינעם. דאס מיינט אז ווען ער גייט ארויף איין טרעפל אויפ׳ן לייטער שלעפט ער ארויף אלע הינטער זיך און דערהייבט אלע אידן וועלכע זענען שוין אין א העכערע מדרגה ווי ער. פונקט דאס האט פאסירט מיט אילאן ווי נאר ער האט איבערגעטרעטן דעם שוועל.

אלחנן איז א ברסלב׳ער חסיד. ער האט א דרוקעריי וואו ער דרוקט דעם רבי׳נס ספרים, ביכלעך אד״ג. ער האט שוין זוכה געווען צו דרוקן צענדליגער טויזנטער ספרי קודש. ער זאגט אז ער גלייבט אז ער האט באקומען די מתנה ווייל ער האט דעמאלטס געראטעוועט דעם רבינ׳ס ספרים פון קומען צו א בזיון.

דער אינטערעסאנסטער חלק פון דער מעשה איז, אז במשך די צוואנציג יאר וואס ער איז א בעל תשובה, איז אים שוין אויסגעקומען געווג מאל צו זיין א טייל פון דער חבורה פון דעם וואסער-טורעם-כולל. מיט א חלק פון זיי האנדלט ער איבער די ספרים דרוקעריי, א חלק שיקן צוזאמען מיט אים זייערע קינדער אין מוסד, אנדערע האט ער שוין באגעגנט אין ביהמ״ד אדער אין געגנט, מען טרעפט זיך ביי חצות הלילה אין כולל אדער איבער׳ן טאג אין גראסערי.

בס"ד

# מתמידים והודעתם לבניך

ווען הייבט זיך בעזר השם אן
די מתמידים ?




פון ווען קען מען זיך
איינשרייבן ?

פון אסרו חג סוכות



בחינות אויף ספרי ברסלב
מיט שיינע גורלות און מתנות
סוף וואך.
בחינות אויפן קיצור שלחן
ערוך מיט נקודות אויף די
ענטפערס, סוף חודש.

אייערע קינדער וועלן אייך לאזן וויסן וואס זיי האבן זיך געלערנט

# סדר הלימוד:




א שיעור אין ספר

## קיצור שלחן ערוך

פארגעלערנט שיין און קלאר,
דורך א חשוב'ער מגיד שיעור.
דער שיעור נעמט בערך 12 מינוט.



### ספר
### השתפכות הנפש

פארגעלערנט
דורך א חשוב'ער
ברסלב'ער מלמד,
אראפגעברענגט אויף
למעשה.
דער שיעור נעמט בערך
פיר מינוט




### ספר
### סיפורי מעשיות

פארגעלערנט שיין
און קלאר וויאזוי
ארויסצונעמען איין
נקודה זיך אפצולערנען.
דער שיעור נעמט בערך
פיר מינוט.




### ספר המדות

פארגעלערנט צוויי
שטיקלעך, צו לערנען
גוטע מדות וויאזוי צו זיין
ערליכע אידן



### התבודדות

טעגליכע התבודדות:
די קינדער וועלן
פארצייכענען ווען און
וויפיל צייט זיי האבן
גערעדט צום אויבערשטן

**געאייגנט פאר קינדער פון כתה ד' און ארויף**

020-37459540 ענגלאנד - 646-213-4766

אין ישראל 0733517202

בס"ד

פון מתמידים

# והודעתם לבניך

שיינט ארויס א ליכטיגקייט.

קום אריין, שפיר זיך באקוועם, מיר וועלן בעזרת השם צוזאמען ארײנשווימען אין רבי'נס ספרים.

## טייערע קינדער

## די טויערן זענען אפן ברייט...

פאר מער פרטים, ליינט די מודעה אין דעם גליון




